הרב יעקב יוסף ראזענבלום | הרב שמואל חיים יעקב גרובער

פארשידענע ביאגראפישע שטריכן, אינאיינעם מיט פריש אנטדעקטע פרטים, איבער דאס לעבן פון

הרה"ק ר' יעקב ישראל מטשערקאס זצוק"ל

און זיין משפחה - לרגל זיין הילולא י"ג אלול

(צווייטער טייל)

זיינע קינדער

איבער די קינדער פונעם טשערקאסער איז קיינמאל נישט געווען קיין קלארקייט. אינעם ספר "היחס מטשערנאביל" (עמ' 123) דערמאנט ער בלויז אז דער טשערקאסער האט נישט געהאט קיין זין נאר טעכטער, און ער דערמאנט נאר דעם איידעם הגה"צ ר' משולם זוסיא יצחק מטאלמיטש זצ"ל (פאטער פון הרה"ק ר' מרדכי דוב מהארנאסטייפאל זצ"ל).

אינעם ספר "שם ושארית" (עמ' לו) דערמאנט ער אז דער טשערקאסער האט געהאט פיר טעכטער, און ער רעכנט זיי אויס ווי פאלגענד: א) הרבנית פרידא אשת דודה רבי מנחם נחום מניעזין בזיוו"ש. ב) הרבנית שטערנא פיגא אשת רבי משולם זוסיא יצחק מטאלמיטש. ג) הרבנית חנה אשת רבי יוסף יצחק מאווורטש. ד) אשת רבי נפתלי הלברשטאם [בן הרה"ק ר' יחזקאל שרגא משינאווא זצ"ל], ובזיוו"ש אשת גיסה רבי משולם זוסיא מטאלמיטש. [צו באמערקן אז פון אנדערע מקורות קומט אויס אז רבי נפתלי הלברשטאם איז געווען אן איידעם ביי רבי מנחם נחום מניעזין].

אינעם ספר "תולדות משפחת הרב מלאדי" (תל אביב תש"ו) ווערט אויסגערעכנט די פאלגענדע פינעף טעכטער פונעם טשערקאסער: א) הרבנית שרה פרידא אשת דודה רבי מנחם נחום מניעזין בזיוו"ש. ב) הרבנית אדל. ג) הרבנית שטערנא פיגא אשת רבי משולם זוסיא יצחק מטאלמיטש. ד) הרבנית חישא ברכה. ה) הרבנית חנה אשת רבי יוסף יצחק מאווורטש. ער שרייבט אבער נישט ווער זענען געווען די מענער פון די טעכטער אדל און חישא ברכה.

פאלגענד זענען די פרטים פון דער משפחה פון הרה"ק מטשערקאס וואס מיר טרעפן אין די פארשידענע צענסוס רעקארדס.

אינעם אויבנדערמאנטן צענסוס פון שטאט טשערנאביל פונעם יאר תקע"ה טרעפט מען נאר אריינגעשריבן ר' יאנקל ב"ר מרדכי טווערסקי 15 יאר אלט [=געבוירן תק"ס]. זיין רביצין דבורה 19 יאר אלט [=געבוירן תקנ"ו].

אינעם צענסוס פונעם יאר תקצ"ד פון שטאט טשערנאביל טרעפט מען ווי פאלגענד: ר' יעקב ישראל ב"ר מרדכי 33 יאר אלט [=געבוירן תקס"א]. זיין רביצין דבורה לאה 37 יאר אלט [=געבוירן תקנ"ז]. זייערע קינדער: שרה פריידא 18 יאר אלט [=געבוירן תקע"ו], שטערנא רחל 15 יאר אלט [=געבוירן תקע"ט], חנה 12 יאר אלט [=געבוירן תקפ"ב], גינא(?) 9 יאר אלט [=געבוירן תקפ"ה], ברכה 6 יאר אלט [=געבוירן תקפ"ח].

אינעם צענסוס פון יאר תר"י טרעפט מען אינעם שטאט הארנאסטייפאל די פאלגענדע פרטים: ר' יעקב ישראל ב"ר מרדכי טווערסקי 61 יאר אלט [=געבוירן תקמ"ט]. זיין רביצין דבורה לאה בת ר' בער 50 יאר אלט [=געבוירן תק"ס]. זיינע טעכטער: שרה פריידא 34 יאר אלט [=געבוירן תקע"ו], שטערנא רחל 31 יאר אלט [=געבוירן תקע"ט], ברכה 22 יאר אלט [=געבוירן תקפ"ח]. די אייניקלעך - קינדער פון שרה פריידא: אדל 19 יאר אלט [=געבוירן תקצ"א], מרדכי בער ב"ר נחום 12 יאר אלט [=געבוירן תקצ"ח], משה זלמן ב"ר נחום 7 יאר אלט [=געבוירן תר"ג], חנה חישא 5 יאר אלט [=געבוירן תר"ה]. די אייניקלעך - קינדער פון שטערנא רחל: מרדכי בער ב"ר זוסיא 13 יאר אלט [=געבוירן תקצ"ז], שרה בתיה בת ר' זוסיא 7 יאר אלט [=געבוירן תר"ג], חנה חישא בת ר' זוסיא 5 יאר אלט [=געבוירן תר"ה]. די אייניקלעך — קינדער פון ברכה: שיינא שטערנא רחל בת ר' משה 2 יאר אלט [=געבוירן תר"ח].

יעצט וועלן מיר מסדר זיין די אלע פרטים וואס ס'שטייען אין צענסוס רעקארדס, אינאיינעם מיט עטליכע השלמות וואס מען זעט פון אנדערע מקורות, צו האבן דעם גאנצן בילד.

ווי מיר זעען האט דער טשערקאסער טאקע געהאט פינעף טעכטער, אבער אנדערש פונעם פריערדערמאנטן סדר, און מיט אנדערע נעמען, ווי פאלגנד:

א] הרבנית שרה פריידא. געבוירן אין יאר תקע"ו. זי האט חתונה געהאט מיט איר פעטער רבי מנחם נחום מניעזין זצ"ל זון פון הרה"ק ר' דוב בער מליובאוויטש זצ"ל, וועלכער איז געבוירן אין יאר תקנ"ח בערך (און האט געהייסן נאכן מאור עינים[1]). אין יאר תקע"ב האט ער חתונה געהאט בזיוו"ר מיט די טאכטער פון הרה"ח ר' זלמן ריבלין פון שקלאוו און ער האט געהאט מיט איר עטליכע קינדער. בזיוו"ש האט ער חתונה געהאט (נישט שפעטער פון יאר תק"צ) מיט הרבנית שרה פריידא.. עס איז אפשר מעגליך אז ביי הרבנית שרה פריידא איז

אוהל פון רבי דוב בער מליובאוויטש אין שטאט ניעזין, דערנעבן ליגט זיין זון רבי מנחם נחום

מציבה פון רבי חיים משה יהושע מטאמאשפיל

דער טאמאשפילער רבי דא אין אמעריקא

[1] אינעם גליון בחצר הקודש פרשת מטות מסעי תשע"ז דערציילט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וואס ער האט געהערט פון הרה"ח ר' אברהם מאן שליט"א משפיע אין ישיבת ליובאוויטש אין טאראנטא, אז דער רב זצ"ל האט געזאגט: "ס'איז דא אידן וואס איך בין גרייט צו גיין פאר זיי אין פייער און אין וואסער" און איינער פון זיי איז געווען דער מאור עינים, און אויף דעם ארויף האט ער א נאמען געגיבן דעם אייניקל רבי מנחם נחום מניעזין נאכ'ן מאור עינים.

דאס אויך שוין געווען דער צווייטער זיווג, עס איז אבער נישט מסתבר, ווייל ווי עס קומט אויס האט זי שוין חתונה געהאט מיט אים ביי די פערצן יאר, (הגם רבי מנחם נחום איז שוין דאן געווען אן אלמן וואס איז אכצן יאר עלטער פון איר און ער האט שוין געהאט דריי קינדער, און מען טרעפט ביי די רבי'שע הויפן אזעלכע פעלער. ווי צב"ש מרן מהר"ד מסקווירא האט חתונה געהאט בזיוו"ש מיט הרבנית ציפורה ע"ה ווען ער איז שוין אלט געווען נאנט צו די פערציג יאר, און האט שוין געהאט חתונה געמאכט א קינד, און הרבנית ציפורה ע"ה איז געווען א מיידל פון אכצן יאר). רבי מנחם נחום איז דורכאויס די יארן זיך אסאך אפגעזיצן ביים אהל פון זיין טאטען אין ניעזין ביז צו זיין פטירה כ"ח ניסן תרמ"א, און הרבנית שרה פריידא איז געבליבן וואוינען אין טשערקאס מיט די קינדער וועלכע זענען נתחנך געווארן אויפן טשערנאבלער דרך און זיך אפילו געטוישט די משפחה נאמען אויף טווערסקי. (זעה אין ספר "שופריה דרבי יוחנן" עמ' פ"ה איז געדרוקט א בריוו וואס דער טשערקאסער שרייבט אז ער האט נישט געקענט קומען צו שמחה אין ראחמיסטריווקא, ווייל זיין טאכטער האט גענומען זיין וואגן צו פארן קיין ניעזין. דער בריוו איז ווארשיינליך געשריבן צווישן די יארן תר"כ און תרכ"ה).

זייערע קינדער:

1) **אדל**. געבוירן תקצ"א. עס איז נישט באקאנט איבער איר קיין שום פרטים. עס איז מעגליך אז די טאכטער אדל איז געווען די צווייטע רביצין פון רבי נפתלי הלברשטאם זצ"ל דער עלטסטער זון פון הרה"ק ר' יחזקאל שרגא משינאווע זצ"ל, וואס ס'איז באקאנט אז ער האט בזיוו"ש חתונה געהאט מיט אן אייניקל פונעם טשערקאסער און האט דארטן געוואוינט עטליכע יאר. רבי נפתלי איז געבוירן י"ד חשון תקצ"ד. בזיווג ראשון איז ער געווען אן איידעם ביי הרה"ק ר' אהרן זון פון הרה"ק ר' אשר מראפשיץ זצ"ל, און נאך איר פטירה האט ער חתונה געהאט מיט אן אייניקל פונעם טשערקאסער, אבער עס איז נישט קלאר גענוי וועלכע אייניקל. עס זענען דא וואס שרייבן אז ער איז געווען אן איידעם ביי רבי מנחם נחום מניעזין איידעם פונעם טשערקאסער, וואס זיינע קינדער זענען געווארן אויפגעהאדעוועט ביים טשערקאסער זיידן. ר' נפתלי איז געווען מפורסם אלס א געוואלדיגער גאון און חריף, און ער האט געהאט א געוואלדיגע נאנטשאפט מיט זיין קרוב הרה"ק ר' מאטעלע הארנאסטייפאלער זצ"ל (וועלכער איז אויך געווען זיי פעטער, זייענדיג אן איידעם ביים צאנזער רב זצ"ל). טראץ זיין יונגער עלטער איז ער געלאדענט געווארן אנצונעמען די רבנות פון די גרויסע שטאט בארדיטשוב, וואס איז געווען פון די חשוב'סטע קהלות אין אוקריינא, אבער נאך איידער דאס האט געקענט צושטאנד קומען, איז רבי נפתלי פלוצלינג נסתלק געווארן אינעם טאג כ"א כסלו תרכ"ד. (אגב, עס זענען דא וואס שרייבן אז די רביצין פון רבי נפתלי האלבערשטאם האט געהייסן "לאה". דאס איז ווי פארשטענדליך א טעות, ווייל הרבנית דבורה לאה רביצין פונעם טשערקאסער איז ערשט נפטר געווארן בשנת תרל"ו).

2) **רבי מרדכי בער מטאמאשפיל זצ"ל**. לויט די צענסוס קומט אויס אז ער איז געבוירן בשנת תקצ"ח. אינעם ספר "שם ושארית" (עמ' לט) שטייט אז ביי זיין פטירה ט"ז ניסן תר"פ איז ער געווען כבן ע"ב שנה, וואס לפי זה איז ער געבוירן אין יאר תר"ח. אינעם ספר "מחשבת נחום" שטייט א סיפור איבער זיין געבורט אז דאס איז געווען ערב יום הקדוש, אבער עס שטייט נישט קיין יאר. ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית בתיה טאכטער פון הרה"ק ר' לוי יצחק משיטאווע אן אייניקל פון הרה"ק מבארדיטשוב זצ"ל. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין טשערקאס ביים זיידן, און שפעטער האט ער זיך באזעצט אין די שטאט ווארטיזשען (א שטעטל אין באסאראביע נאנט צום דניעסטער), און דערנאך האט ער זיך אריבערגעצויגן צו די שטאט טאמאשפיל, דארט האט ער געפירט זיין רבי'סטיווע ביז צו זיין הסתלקות ט"ז ניסן תר"פ. זיין בן יחיד איז געווען הרה"צ **ר' חיים משה יהושע מטאמאשפיל** זצ"ל געבוירן אין טשערקאס בשנת תר"ל און איז נפטר געווארן אין ברוקלין י"א אלול תשי"ט, [כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל האט זיך געטראפן מיט אים דא אין אמעריקא, און ער האט דערציילט אז ער האט נאך געגעסן מיטן זיידן דער טשערקאסער זצ"ל אין איין טעלער]. זיינע טעכטער זענען געווען **הרבנית שיינא פערל** אשת רבי פנחס מקאנטיקוזיווא און **הרבנית ריוולע** אשת רבי שמריה מווארנאוויצא (זון פון הרה"ק ר' חיים מברעזנא איידעם פון הרה"ק ר' יצחק מברעזנא איידעם פון הרה"ק ר' אהרן מטשערנאביל זצ"ל).

3) **רבי משה זלמן מטשעמישליע זצ"ל**. לויט די צענזוס קומט אויס אז ער איז געבוירן בשנת תר"ג. ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית שרה בת רבי שמשון אהרן מקאלניבלאט זצ"ל (נכד רבי שמואל מקאלניבלאט חתן רבי פינחס מקאריץ זצ"ל). נאך די חתונה איז געבליבן וואוינען אין טשערקאס ביים זיידן, און שפעטער האט ער זיך באזעצט אין די שטאט טשימישליע Cimislia (פלך באסאראביע) ער איז נפטר געווארן שושן פורים תרע"ו. זיינע קינדער זענען געווען: הילדה **חנה** (געבוירן בשנת תרכ"ד, נפטר געווארן אין טשערקאס ז' תשרי תרכ"ז אין עלטער פון דריי יאר אלט). הילדה **מלכה** (געבוירן תרל"ב נפטר געווארן ביי די זעקס חדשים ד' אדר שני תרל"ב). הילד **יוסף דוב** (געבוירן אין טשערקאס א' כסלו תרל"ה און ווארשיינליך נפטר געווארן אלס קינד). **שטערנא שיינדל** חתונה געהאט מיט הרב שלמה ליב ליבערזאן פון קעשינוב [אייניקל פון הרה"ק ר' לייביש מפרוסקורוב זצ"ל (מגזע רבי ליבער מבארדיטשוב זצ"ל ורבי מיכל זאלטשוב זצ"ל)]. **אסתר פייגא** חתונה געהאט מיט הרה"צ ר' אברהם קאצנעלנבויגן מלוצק וועלכער איז געבוירן בשנת תרל"ז און האט בסוף ימיו געוואוינט אין תל אביב ביז צו זיין פטירה כ' אדר ב' תש"ג. **רעכל** חתונה געהאט מיט רבי ישראל ליב שפירא [אייניקל פון הרה"ק ר' פנחס מקאריץ]. טריינא חתונה געהאט מיט רבי יעקב מרגליות מדובאסאר.

4) **חנה חישא**. לויט די צענזוס קומט אויס אז זי איז געבוירן אין יאר תר"ה. דא קומט אויס א גרויסער חידוש, ווייל ביז היינט איז געווען אנגענומען אז הרבנית חנה חישא טאכטער פון רבי מנחם נחום מניעזין איז געבוירן פון זיין ערשטער זיווג (אזוי ווערט געברענגט אינעם ספר "תולדות משפחת הרב מלאדי" עמ' 61), יעצט זעט מען אז זי איז גאר געבוירן פון דעם צווייטן זיווג. זי האט חתונה געהאט מיט הרה"ק ר' ישראל נח מניעזין זון פונעם צמח צדק בזיוו"ש, און זיי האבן געהאט די פאלגענדע קינדער: **משה** געבוירן ב' סיון תרכ"ט, פייגא געבוירן ח' אדר תרל"א, **שפרה** געבוירן א' אייר תרל"ב, **דוד** געבוירן ב' סיון תרל"ג, **מלכה** געבוירן י"ב אב תרל"ד, **מנוחה רחל** געבוירן ב' אלול תרל"ה, **יעקב** (געבוירן נאך די פטירה פונעם טשערקאסער זיידען י"ג אלול תרל"ו), **זוסיא** געבוירן תרמ"א און נפטר געווארן אלס קינד פון איין יאר, **נחום** (געבוירן נאך די פטירה פונעם זיידן רבי נחום מניעזין כ"ח ניסן תרמ"א). (די פרטים איבער די משפחה פון רבי ישראל נח מניעזין זענען גענומען פון א בריוו פון ר' מיכאל רון געדרוקט אין היכל הבעש"ט גליון כ"ד עמ' קפ"א וואס ער האט דאס מברר געווען פון רעקארדס פון די שטאט ניעזין וואס געפונען זיך אין די ארכיוון).

*

ב] הרבנית שטערנא רחל. געבוירן אין יאר תקע"ט. זי ווערט נאך דערמאנט אינעם צענזוס פון יאר תר"י אין הארנסטייפאל, איז משמע אז זי האט נאך דעמאלטס געלעבט, דאס איז אבער למעשה א גרויסער חידוש, ווייל לויט ווי מען דערציילט איז דער הארנאסטייפלער געווארן א יתום פון זיין מאמע ביי די זעקס יאר. אינעם ספר "מדור אל דור" שטייט אז הרבנית שטערנא רחל איז נפטר געווארן ו' חשון תר"ו. אין די רשימות פון רבי חיים אהרן טווערסקי זעט מען א סיפור אז ביי די צעהן יאר האט ער אין צוויי טאג אפגעלערנט מסכת סוכה מסיים צו זיין ביי די יארצייט פון זיין מאמע, אויב האט זי נאך געלעבט בשנת תר"י און זי איז אוועק ו' חשון תרי"א, האט די מעשה נאר געקענט געשען ביי די צוועלף יאר.

זי האט חתונה געהאט מיט הגה"צ ר' משולם זוסיא יצחק זצ"ל וועלכער איז געבוירן אין יאר תקע"ט צו הרה"ק ר' יחיאל מיכל מקורימא אייניקל פון הרה"ק ר' זוסיא מאניפאלי זצ"ל. נאך איר פטירה האט ער חתונה געהאט מיט איר שוועסטער, עס איז נישט באקאנט וועלכע שוועסטער (זע ווייטער). בזיווג שלישי האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הענא די טאכטער פון הרה"ק ר' חיים מקאסוב זצ"ל, און ער איז דאן אויפגענומען געווארן אלס רב פון שטאט טאלמיטש אין גאליציע. וואוינענדיג אין גאליציע האט ער אין יאר תרי"ט געדרוקט דעם ספר "ליקוטי תורה" פונעם הייליגן טשערנאבלער מגיד. רבי זושא טאלמיטשער איז נפטר געווארן ב' סיון תרמ"ב אין עלטער פון דריי און זעכציג יאר, און ער ליגט אינעם בית החיים אין שטאט טאלמיטש.

זייערע קינדער זענען געווען:

1) **רבי מרדכי בער מהארנאסטייפאל**. לויט די צענסוס קומט אויס אז ער איז געבוירן בשנת תקצ"ז. דאס איז א גרויסער חידוש, ווייל ביי די אייניקלעך איז אנגענומען אז ער איז געבוירן כ"ט כסלו שנת ת"ר (אזוי שטייט אין די רשימות פון הרב חיים אהרן טווערסקי בן הרה"ק ר' בנציון יהודא ליב מהארנאסטייפאל און נאך מקורות). ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית רייצא טאכטער פון הרה"ק ר' חיים מצאנז זצ"ל. לפי פקודתו פונעם טשערקאסער זיידן האט ער זיך בשנת תרכ"ג געצויגן קיין הארנאסטייפאל און דארטן אנגעהויבן צו פירן זיין רבי'סטיווע וואס ער האט אנגעהאלטן ביז צו זיין הסתלקות כ"ב אלול תרס"ג. זיין רביצין איז נפטר געווארן אין קאלינקאוויטש כ"ה תמוז תרע"ח.

זיינע קינדער זענען געווען: **הרבנית שטערנא פייגא** ע"ה. (געבוירן ג' תמוז תרי"ז, די רביצין פון הגה"צ ר' נחום זלמן שניאורסאן ז"ל אב"ד טשערקאס וועלכער איז נפטר געווארן ט"ו ניסן תרע"ה, זי איז נפטר געווארן ט"ז ניסן תרפ"ד). **הרבנית שרה מרים** ע"ה (געבוירן אין טשערקאס כ"ג סיון תרכ"א, די רביצין פון הרה"ק ר' שלום אליעזר מראצפערט זצ"ל זון פון הרה"ק ר' חיים מצאנז זצ"ל, נפטר געווארן ט"ו אב תש"ב). **הילדה בתיה** ע"ה (געבוירן אין טשערקאס י"ט אלול תרכ"ב, זי איז ווארשיינליך נפטר געווארן יונגערהייט). **הרבנית חיה מלכה** ע"ה (געבוירן א' תשרי תרכ"ג, די רביצין פון הגה"צ ר' משה גיטערמאן זצ"ל מו"ץ בקיעוו געבוירן בשנת תר"כ אייניקל

רבי מרדכי דוב מהארנאסטייפאל

פון צדיקי סאווראן, ער איז נפטר געווארן אין קיעוו ט"ז ניסן תרפ"ג, זי איז נפטר געווארן אין קיעוו ה' טבת תרפ"ח). **הרה"ק ר' אלימלך אהרן שניאור זלמן מקראסנא** זצ"ל (געבוירן כ"ג תשרי תרכ"ה, איידעם פון הרה"ק ר' משה מראזאווידוב זצ"ל אייניקל פון צדיקי ראפשיץ, נפטר געווארן אין קראקא י"ט חשון תרפ"ד). **הרבנית אסתר הענדיל** ע"ה. (געבוירן ל' כסלו תרכ"ו, די רביצין פון הגה"צ ר' חיים ישעי' שניאורסון זצ"ל אב"ד ראמאן געבוירן תרכ"ה זון פון הרה"ק ר' שלום בער מרעציצא, נפטר געווארן ט"ו כסלו תרפ"ז. זי איז נפטר געווארן ט"ו אדר א' תרצ"ב). **הרה"ק ר' חיים משה צבי מהארנאסטייפאל** זצ"ל (געבוירן ט' אדר תרכ"ז, איידעם פון הרה"ק ר' מנחם נחום מראחמיסטריווקא זצ"ל, נפטר געווארן אין קיעוו כ' כסלו תרצ"ה. זיין רביצין מרגאלא איז נפטר געווארן אין ירושלים ט' סיון תרצ"ט). **הרה"ק ר' בנציון יהודא ליב מהארנאסטייפאל** זצ"ל (געבוירן כ' תשרי תרכ"ח, איידעם פון הרה"ק ר' יצחק יואל מקאנטיקוזיווא זצ"ל אייניקל פון צדיקי ליניץ, נפטר געווארן אין שיקאגא כ"ח טבת תשי"א. זיין רביצין רחל איז נפטר געווארן אין אנטווערפן ה' חשון תרצ"ד). **הרבנית יוכבד רבקה** ע"ה. (געבוירן י"ז סיון תרכ"ט, די רביצין פון הרה"ק ר' אלישע מגארליץ זצ"ל אייניקל פון הרה"ק ר' חיים מצאנז זצ"ל וועלכער איז נפטר געווארן אינעם שטעטל מינאר אין סיביר ט"ו

רבי אברהם הכהן הארנשטיין אלס א טשערקאסער איידעם

איינער פון די גרעסטע עשירים אין רוסלאנד איז געווען הרה"ח ר' אברהם הכהן הארנשטיין ז"ל, וועלכער האט פארמאגט עטליכע גרויסע צוקער פאבריקן און איז געווען פון די חשוב'ע באיאנער חסידים אין קיוב. ער איז געווען א זון פון הרה"ח ר' נפתלי הכהן הארנשטיין ז"ל וואס ער מיט זיינע קינדער זענען געווען א שם דבר, וואס טראץ זייער געוואלדיגע עשירות זענען זיי געווען אפגעהיטענע חסידישע אידן לשם ולתפארת.

פאלגנד איז די מסורת המשפחה וואס איז אנגענומען ביי די אייניקלעך:

ר' אברהם איז געבוירן אין ראדאמישל (פלך קיעוו), און בזיוו"ר האט ער חתונה געהאט מיט מ' רעכל לבית זייצעוו און איז נפטר געווארן יונגערהייט אלט זייענדיג בלויז פערציג יאר. ר' אברהם האט שפעטער זיך אריבערגעצויגן קיין ווין וואו ער איז דארט נפטר געווארן ד' סיון תרע"ט.

זיין פרוי מ' רעכל געווען א טאכטער פון ר' מרדכי זייצעוו – א ברודער פונעם באקאנטן נגיד ר' יונה זייצעוו פון קיעוו – וועלכער איז נפטר געווארן יונגערהייט, און האט איבערגעלאזט א זון און א טאכטער וועלכע זענען אויפגעצויגן געווארן ביים ברודער ר' יונה. דעם זון ר' מאיר האט ר' יונה גענומען אלס אן איידעם פאר זיין טאכטער חיה שרה, און די טאכטער רעכל האט ער חתונה געמאכט מיט ר' אברהם הכהן הארנשטיין. די פרוי פון ר' מרדכי זייצעוו האט געהייסן שרה און איז געווען א טאכטער אדער אן אייניקל פונעם טשערקאסער, און נאך די פטירה פון איר מאן ר' מרדכי זייצעוו האט זיך חתונה געהאט מיט איינעם פון משפחת רובינשטיין.

קבר פון רבי אברהם הארנשטיין אין שטאט וויען

עד כאן איז די מסורה וואס די משפחה האט געהערט פון האשה החשובה מ' חוה פרוידיגער, א טאכטער פון הרה"ח ר' אברהם הכהן הארנשטיין, וועלכע איז נפטר געווארן אין ירושלים בשנת תשכ"ז.

למעשה ווען מיר האבן היינט מערערע פרטים איבער די משפחה פונעם טשערקאסער, איז זייער שווער צו זאגן אז מ' רעכל הארנשטיין זאל האבן געווען אן אייניקל פונעם טשערקאסער.

עס איז יתכן אז זי האט געהאט א קירבה מיט צדיקי בית טשערנאביל, אויב די משפחה האט אזוי במסורה, אדער אפשר האט די משפחה גאר געוואוינט אין די שטאט טשערקאס, אבער נישט אז זי איז געווען אן אייניקל פון הרה"ק ר' יעקב ישראל טשערקאסער זצ"ל, עס שטימט מיט דעם פאקט וואס מ'טרעפט אז איז שטאט טשערקאס איז געווען א שול וואס האט זיך גערופן בית המדרש דהגביר זייצעוו, אבער דאס האט נישט געהאט קיין שייכות מיט הרה"ק מטשערקאס זצ"ל.

לויט ווי מ'זעט אינעם צענזוס פון שטאט קיעוו פון יאר תרמ"ו איז מ' רעכל געבוירן בשנת תר"ו, קומט דאך אויס אז איר מאמע מ' שרה איז מסתמא געבוירן נישט שפעטער פון שנת תק"צ. ממילא קען זי שוין זיכער נישט זיין אן אייניקל פונעם טשערקאסער, ווייל די עלטסטע טאכטער פונעם טשערקאסער הרבנית שרה פריידא האט נישט געקענט האבן א טאכטער שרה, נאכדעם די צווייטע טאכטער פונעם טשערקאסער הרבנית שטערנא רחל איז שוין געבוירן בשנת תקע"ט און זי האט האט געהאט א טאכטער שרה בתיה וועלכע איז געבוירן בשנת תר"ג, האט זי נישט געקענט האבן א טאכטער שרה וועלכע איז געבוירן תק"צ, חוץ מזה איז זיך נאך דעמאלטס געווען קוים צוועלף יאר אלט. ווייטער מחדש צו זיין אז דער טשערקאסער האט געהאט נאך אן עלטערע טאכטער וואס איז געבוירן פאר הרבנית שרה פריידא, און זי האט געהאט א טאכטער שרה, דאס איז נישט מסתבר מחדש צו זיין נייע טעכטער וואס ווערן אין ערגעץ נישט דערמאנט.

ווייטער צו זאגן אז מ' רעכל איז גאר א טאכטער פון הרבנית שרה פריידא איז שטארק נישט מסתבר. ווייל ווי דערמאנט איז הרבנית שרה פריידא געבוירן בשנת תקע"ו, און זי האט חתונה געהאט מיט איר פעטער הרה"ק ר' מנחם נחום מניעזין בזיווגו השני. ווער מען יעצט וועלן מחדש זיין אז דאס איז ביי איר שוין אויך געווען א זיווג שני, און זי האט קודם חתונה געהאט מיט דעם ר' מרדכי זייצעוו. דאס שטימט נישט מיט די מסורת המשפחה אז נאך די פטירה פון ר' מרדכי זייצעוו האט זיין פרוי חתונה געהאט מיט איינעם פון משפחת רובינשטיין, און דא קומט אויס אז זי האט דערנאך חתונה געהאט מיט רבי מנחם נחום שניאורסאן מניעזין. ווי אויך זעט מען אז בשנת תקצ"א איז שוין ביי זיי געבוירן א טאכטער אדל, ממילא אויב האט זי געהאט דאס קינד רעכל פון א פריערדיגן זיווג האט דאס קינד געדארפט געבוירן ווערן נישט שפעטער פון תק"צ, און דאס שטימט נישט מיט דעם אז מ' רעכל הארנשטיין איז ערשט געבוירן בשנת תר"ו. עס שטימט אויך נישט צו זאגן אז ר' יונה זייצעוו וועלכער האט חתונה געהאט בשנת תר"ג זאל קענען נעמען דעם זון מאיר [וואס אויב ער איז א זון פון הרבנית שרה פריידא פון איר זיווג ראשון, האט ער שוין געזאלט געבוירן ווערן פאר תק"צ] פאר אן איידעם.

בכלל איז א חידוש צו זאגן אז רבי אברהם הארנשטיין וועלכער האט שוין חתונה געהאט בשנת תרכ"ב בערך, זאל האבן חתונה געהאט מיט אן אייניקל פונעם טשערקאסער, און האט געלעבט מיט איר א פערצן יארביים לעבן פונעם טשערקאסער, און מען זאל דאס אין ערגעץ נישט זען דערמאנט. ווי אויך האט ער שפעטער געהאט א קינד מיטן נאמען "ישראל" און האט נישט א נאמען געגעבן "יעקב ישראל" (ער האט געהאט אן אנדערע זון מיטן נאמען "יעקב").

אויך איז א חידוש צו זאגן אז ר' יונה זייצעוו האט געהאט א ברודער מיטן נאמען ר' מרדכי זייצעוו, ווייל די פאטער פון ר' יונה האט געהייסן ר' מרדכי. נאר אפשר איז דער ברודער געבוירן נאך די פטירה פונעם פאטער. אדער איז מעגליך אז דער ר' מרדכי זייצעוו איז גאר דער פאטער פון ר' יונה זייצעוו, און בזיוו"ש האט ער חתונה געהאט מיט מ' שרה וועלכע האט זיך אנגעקערט מיט די משפחה פונעם טשערקאסער, און נאך די פטירה פון ר' מרדכי זענען די יתומים געווארן אויפגעהאדעוועט ביי זייער עלטערער ברודער ר' יונה.

דאס זעט מען יא דערמאנט, אז ר' יונה זייצעוו האט געהאט א קינד ר' מאיר זייצעוו, עס איז אבער נישט קלאר אויב עס רעדט זיך פון א זון אדער א איידעם. מען זעט אין א באשרייבונג אין א ציישטריפט אז אפילו נאכדעם וואס ר' יונה האט זיך אוועקגעצויגן פון סטעפעניץ קיין קיעוו, זענען צוויי פון זיינע קינדער דארט געבליבן וואוינען פאר עטליכע יאר, ר' יוסף שמואל קליגמאן און ר' מאיר זייצעוו און אין יאר תרמ"ג האבן זיי זיך אויך געצויגן צו זייער שווער קיין קיעוו.

לשלימות הענין ווילן מיר באצייכענען ראשי פרקים איבער דעם באוואוסטער גביר ר' יונה זייצעוו וועלכער איז געווען מחסידי טשערנאביל. ר' יונה איז געבוירן אין שטאט קאניעוו ו' אב תקפ"ז. זיין פאטער איז געווען באקאנט אלס "מאטיע קאניעווער" א איד א גביר אין שטאט קאניעוו. נאך די חתונה ביום י"ח חשון תר"ג האט ער זיך באזעצט אין די שטאט סטעפעניץ, און בשנת תרל"ה בערך האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין קיעוו דארט האט ער געוואוינט ביז צו זיין פטירה כ' אדר תרס"ז. ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע צדקה וחסד וואס ער האט פארטיילט. פון זיינע קינדער זענען באקאנט, די זין ר' חיים משה און ר' דוד. די איידעמער: ר' משה היילפרין, ר' מאיר זייצעוו, ר' ישראל לאנדא און ר' יוסף שמואל קליגמאן..

דער באקאנטער עושר ר' יונה זייצעוו פון קיוב



הטוהר בציון והשוכן בירושלים הוא יברך את דודי הגביר האדיר הנדיב המפורסם וכו' מוה' יונה זייצעוו שליט"א בקיוב ליום מלאת לו שבעים שנה בחמשה ימים לח' מנחם אב תרנ"ז, ה' יאריך ימיו ושנותיו באושר ועושר יחד את בניו ובנותיו ויוצ"ח, ינוב בשיבה טובה באושר ושלום סלה.

שרה לבן ס. קיוב. המתימר בכבודם יעקב גאלדפארב.

א באגריסונג פאר ר' יונה זייצעוו ווען ער איז געווארן זיבציג יאר אלט

די לויה פון הרב החסיד ר' שלמה הורנשטיין

מציבה פון רבי שלמה הכהן הארנשטיין

ניסן תש"א, זי איז נפטר געווארן י"ט תשרי תש"א). **הרה"ק ר' ברוך דוד מקאלינקאוויטש** זצ"ל (געבוירן ח' אדר תרל"ה, איידעם פון הרה"ק ר' שלמה זלמינא מראשקוב זצ"ל, נפטר געווארן אין ווינא כ"ח כסלו תרפ"ו. זיין רביצין חיה שרה איז נפטר געווארן אין ירושלים ב' תמוז תש"ב).

2) **שרה בתיה**. לויט די צענסוס איז זי געבוירן אין יאר תר"ג, אבער ביי איר פטירה בשנת תרע"ד איז באריכטעט אז זי איז אלט געווען 68 יאר וואס לפי זה איז זי געבוירן בשנת תר"ו. בזיווג ראשון האט זי חתונה געהאט מיט הגה"צ ר' אהרן משה שניאורסאן זצ"ל זון פון הרה"ק ר' יוסף יצחק מאוורוטש זצ"ל און פון דעם זיווג איז געבוירן **הגה"צ ר' נחום זלמן שניאורסאן** זצ"ל איידעם פונעם הארנאסטייפאלער. נאך זיין פטירה בשנת תרכ"ז האט זי חתונה געהאט מיט הגה"צ ר' מאיר אלטר הלוי שפירא זצ"ל וועלכער איז בשנת תרמ"ח געווארן אויפגענומען אלס רב פון שטאט לובען (פלך פאלטאווא) און איז נפטר געווארן בשנת תרס"ט, פון דעם זיווג איז געבוירן בשנת תרמ"ה **הגה"צ ר' יעקב ישראל שפירא** וועלכער האט איבערגענומען דאס רבנות אין לובען ביז די קאמוניסטן ימ"ש האבן אים איינגעזעצט בשנת תרצ"ח און ער איז אומגעקומען על קידוש ה'. הרבנית שרה בתיה איז נפטר געווארן אין לובען כ"ו סיון תרע"ד.

3) **חנה חישא**. געבוירן תר"ה. עס איז מעגליך אז זי איז געווען די רביצין פון הרה"צ ר' יעקב דוד האגער זצ"ל זון פון הרה"ק ר' מנחם מענדל מוויזניץ זצ"ל וועלכער האט בשנת תרכ"ג חתונה געהאט מיט א טאכטער פון הגה"צ מטאלמיטש, און איז ל"ע נפטר געווארן י"ג אב תרכ"ה אן קינדער. וואס ס'איז יא באקאנט איז אז זי איז שפעטער געווען די רביצין בזיווג שני פון הרה"ק ר' מרדכי מסאלחוב זון פון הרה"ק ר' שמעון מזאוויחוואסט אייניקל פון צדיקי בית נעשכיז ובית קאידינאוו. בזיווג ראשון איז ער געווען אן איידעם ביי הרה"ק ר' לוי יצחק מסטעפין און בזיוו"ש האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית חנה חישא. ער איז נפטר כ"ח כסלו תרנ"ז אין די שטאט בארדיטשוב. זיי האבן געהאט די פאלגענדע קינדער: **רבי יעקב ישראל חיים מחמעלניק** (איידעם ביי רבי נחום יאלעס מחירוב זון פון רבי אורי מסאמבור). **רבי מנחם נחום מסאלחוב-בארדיטשוב** (איידעם ביי רבי נח מהאראדאשיץ זון פון רבי שלמה חיים מקוידינוב). **די רביצין פון רבי יצחק מרדכי פאדווא** בעמח"ס אילנא דחיי (זון פון רבי ישראל אהרן מאאפאטשנא זון פון רבי שמעון מזאוויחוואסט הנ"ל).

*

ג] הרבנית חנה. געבוירן אין יאר תקפ"ב. זי האט חתונה געהאט מיט הרה"ק ר' יוסף יצחק מאוורוטש זון פונעם צמח צדק מליובאוויטש זצ"ל, וועלכער איז אויך געבוירן אין יאר תקפ"ב. די חתונה איז פארגעקומען אין טשערנאביל בשנת תקצ"ו. נאך די חתונה איז רבי יוסף יצחק געבליבן סמוך על שולחנו פונעם שווער נאנט צו צוואנציג יאר, און האט זיך מדבק געווען צו אים מיט א געוואלדיגער התקשרות און האט זיך אנגעהויבן צו פירן כמנהגי בית טשערנאביל. במשך די יארן פלעגט ער פארן מזמן לזמן קיין ליובאוויטש צו זיין פאטער, און אויך דארט געוואוינט א תקופה פון דריי יאר, אבער ער איז דערנאך צוריקגעפארן קיין הארנאסטייפאל צו וואוינען בצל חותנו. בשנת תרי"ז בערך האט דער שווער אים געשטעלט אלס רב פון די שטאט אוורוטש. פון אנהויב איז דארטן אין שטאט געווארן דערוועגן א שטיקל מחלוקת, און דעריבער האט אים דער פאטער דער צמח צדק געבעטן אז ער זאל נישט אננעמען דאס רבנות נאר ער זאל קומען וואוינען ביי אים אין ליובאוויטש, אבער אויפן באפעל פונעם טשערקאסער האט ער זיך באזעצט אין אוורוטש און דארטן אנגעהויבן צו פירן זיין רבי'סטיווע כדרך צדיקי בית טשערנאביל ביז צו זיין הסתלקות י"ח כסלו תרל"ו.

זייערע קינדער:

1) **רבי מרדכי שניאור זלמן**. געבוירן אין יאר ת"ר בערך. ער האט חתונה געהאט מיט פערל טאכטער פון רבי לוי יצחק זלמנסאהן אב"ד וועליזש (איידעם פונעם צמח צדק). זייענדיג בלויז זיבעצן יאר איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב פון שטאט זיטאמיר. ער איז נפטר געווארן יונגערהייט אין בלויזן עלטער פון 26 יאר כ"ד בניסן תרכ"ו. זייערע קינדער זענען געווען: **הרבנית שרה שיינא** (די צווייטע רביצין פון הרה"ק ר' משה מקשאנוב, ער איז נפטר געווארן ה' אדר תרע"ה און זי איז נפטר געווארן ז' תמוז תרפ"א). **רבקה** (געבוירן אין יאר תרט"ז).

2) **רבי נחום דובער**. געבוירן אין יאר תר"ב. ער האט חתונה געהאט מיט פריידא טאכטער פון הגה"צ ר' דוב משה פערלאוו זון פון הרה"ק ר' שלמה חיים מקוידינוב. נאך די הסתלקות פון זיין פאטער האט אים דער זיידע הרה"ק מטשערקאס באפוילן איבערצונעמען זיין ארט אלס רבי אין אוורוטש. ער איז נפטר געווארן ח' כסלו תרנ"ו. זיינע קינדער זענען געווען: **חיה מוסיא** (אשת רבי שלמה חיים מאוורוטש בן הרה"ק ר' אהרן מקוידינוב. נאך זיין פטירה י"ד ניסן תרנ"ז האט זי חתונה געהאט מיט הרה"ג ר' משה נחום ירושלימסקי ז"ל אב"ד קיעלץ). **אשת הגה"צ ר' נח יוסף בועז פערלאוו** אב"ד אוורוטש (בן רבי יצחק בן רבי דוב משה פערלאוו הנ"ל). **בתיה** אשת רבי מנחם מענדל שניאורסאן בזיווגו השני בשנת תרמ"ח (געבוירן ו' אדר תרכ"ז זון פון הרה"ק ר' שמואל מליובאוויטש, נפטר כ"ג תשרי תש"ב).

3) **רבי אהרן משה**. געבוירן אין יאר תר"ג. חתונה געהאט מיט הרבנית שרה בתיה טאכטער פון רבי משולם זושא מטלומטש. זיין זון איז געווען **רבי נחום זלמן שניאורסאן** אב"ד טשערקאס (איידעם פון רבי מאטעלע הארנאסטייפאלער וועלכער האט אים געשטעלט אלס רב פון שטאט טשערקאס. ער איז נפטר געווארן ט"ו ניסן תרע"ה).

4) **שיינא ברכה**. חתונה געהאט מיט רבי נפתלי הירץ דוליצקא פון קאמינקא (נפטר בשנת תרע"ג). איר טאכטער **דבורה לאה** האט חתונה געהאט (י"ג סיון תרס"א) מיט הרה"ח ר' שלמה ב"ר יואל הכהן הארנשטיין ז"ל מחשובי חסידי באיאן (נפטר י"ב אלול תשכ"ו).

5) **שטערנא שרה** אשת הרה"ק ר' שלום דובער מליובאוויטש זצ"ל. זי איז געבוירן אין ליובאוויטש ט"ו טבת תרי"ט און איז נפטר געווארן אין ברוקלין י"ג שבט תש"ב. איר איינציגער זון איז געווען הרה"ק ר' יוסף יצחק מליובאוויטש זצ"ל (געבוירן י"ב תמוז תר"מ, נפטר געווארן י' שבט תש"י).

*

ד] א טאכטער געבוירן אין יאר תקפ"ה. אינעם צענסוס שטייט א נאמען "**גינא**" עס איז נישט קלאר וועלכע אידישע נאמען דאס מיינט (אפשר הינדא?). ווייטער אין ספר "תולדות משפחת הרב מלאדי" שטייט אז דער טשערקאסער האט געהאט א טאכטער אדל. בכל אופן קוקט אויס אז זי איז אוועק אלס קינד ווייל מען טרעפט נישט אויף איר שפעטער קיין פרטים.

*

ה] הרבנית ברכה. געבוירן אין יאר תקפ"ח. אין ספר "תולדות משפחת הרב מלאדי" שטייט אז איר נאמען איז געווען "חישא ברכה". אינעם צענסוס פון יאר תר"י ווערט דערמאנט ביי איר טאכטער אז זי איז א קינד פון ר' משה. עס איז נישט באקאנט ווער דער ר' משה איז געווען. מען זעט דערמאנט אז זי האט געהאט א טאכטער **שיינא שטערנא רחל** וועלכע איז געבוירן בשנת תר"ח. (עס איז מעגליך אז זי האט בזיוו"ש חתונה געהאט מיט רבי משולם זוסיא מטאלמיטש). א

מציבה פון הרבנית שטערנא שרה אשת רבי שלום דוב מליובאוויטש